Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

אל.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## לא.

און אין מיר אינעווייניק האט געהערשט אן אפאטיע, א פולשטענדיקע אפאטיע, אן אפאטיע, א לגמרי אנדערע, ווי יענע, וואס האט געהערשט אין מיר פאר איר אין נאך איר. ווי ווילדפלייש איז מיין הארץ געווען, איך האב געגעסן, געטרונקען, געשלאפן, געלערנט מיינע איבעריקע תלמידים. נאר לעבן האב איך נישט געלעבט. איך בין ווייט געווען פון צו פארשטיין, וויאזוי א מענטש וואנדערט ארום פון איין ארט אויפן אנדערן, וויאזוי ער טוט עפעס א טאט, כדי צו פארבעסערן זיין לעבנס מצב. ס'איז מיר נמאס געווארן דאס אלץ. בכן, הייסט עס, דארף איך פארלאזן צ. מיין מוח האט עס נישט תופס געווען... איז דען נישט אלצייגנס?

מיין גייסטיקער צושטאנד אין יענער צייט איז געווען זייער א משונהדיקער. איין מאדנע געפיל האט אויף מיר אויסגעשפרייט זיין ממשלה: איך, ירמיה פייערמאן, מיט מיין נאמען, מיט מיין אויסזען, מיט אלע זייטן פון מיין לעבן, מיט אלע פרטים פון מיין קיום, מיטן גאנצן גיהנום, וואס אין מיר, מיט דער גאנצער קאמישקייט פון מיינע איבערלעבונגען, בין שוין איין מאל געווען מיט אסך יארן צוריק און איך וועל זיין אין צענדליקער טויזנטער יארן ארום... דאס איז א זיכערע זאך... און אויך איצט איז פאראן ערגעץ עמיצער אין מיין עלטער, וואס איז אין אלעם גלייך צו מיר... און אויך מיט אים האט געטראפן אלץ, וואס ס'האט מיט מיר געטראפן...

איך האב אויפגעהערט צו דערווארטן בריוו אפילו פון חיימאוויטשן: ער שרייבט נישט — דארף מען נישט..

בין-השמשות-צייט פלעג איך פארלעשן דעם לאמפ און פלעג ארייננזינקען אין פינצטערניש ביז באגינען.

וועלכער פון מיינע באגערן איז נישט דערפילט געוואָרן? וואס האָב איך באגערט? וואס האט געקענט זיין און איז נישט געווען? וואס דארף איך?

און מיינע נאכט-קאָשמאָרן פלעגן זיין צונויפגעמישט פון מיינע קינדהייט-חלומות מיט די איינדרוקן פון מיינע לעצטע צייטן. אבסטראקטע נעמען האָבן מיך געפייניקט, האָבן מיך געטרונקען אין שווייס, די פייניקונגען זענען געווען פייניקונגען פון זייער א געפערלעכן גייסטיק-קראנקען, איך געפין מיך אין אַ שמוציקן זאַק. אויף מיין קאָפּ איז אַ משא-זאמד און שווערע שטיינער אויף מיינע הענט און פיס. איך רייס מיך פון זאַק ארויס — און מיין פאָטער גיט מיר קלעפּ פון אויבן. איך — בין אַ פליג, וואס שפּילט זיך אויף די באַקן פון יענעם מיידל... זי נעמט און האַקט מיר אָפּ די פליגעלעך... און דער ווייטיק איז ענלעך צו יענעם ווייטיק, וועלכן איך פלעג שפירן אין מיין קינדהייט, ווען איך פלעג זען דעם גיהנום אין חלום... זיבציק גראַד פראָסט... א טרעפּ... און איך קריך — און גידער אראָפּ . . . און אלע באַווייגען מיך...

---